וואס דא קומט צו נאך א דיוק: "יוצאות וחולות בכרמים" איז דאך דאס בכח עצמס, דאס וואס די גמרא איז מסיים [וואס דאס קומט דאך א ביאור און א המשך צו דער משנה] אז דורך דערויף וואס בכח עצמו קומט צו א איד צו א שמחה, ביז וואנעט אז יוצאות וחולות בכרמים, איז אט דעמאלט באתעדל"ת אתעדל"ע, אדער בלשון הש"ס "במדה שאדם מודד בה מודדין לו", איז אט דעמאלט האט ער דעם שכר, אז ניט נאר ער האט די שמחה לויט זיינע כלים, נאר ס'קומט נאך א שמחה וואס הקב"ה עושה מחול לצדיקים.

אוצר החכמה

וואס אין דערויף, כדרך פון א סיום איז דאך דא כמה ענינים און דיוקים אין נגלה אין פשטות הדברים, וואס עכ"פ בקיצור וועט מען דערמאנען עטלעכע נקודות, כדי ס'זאל זיין אן ענין של שמחה כרגיל וכנהוג בתפוצות ישראל.

וואס די משנה איז מסיים אז אמר רשב"ג (ווי געדעדט פריער) אז "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיוהכ"פ שבהם בנות ירושלים (אדער די צווייטע גירסא בנות ישראל) יוצאות וחולות בכרמים", און אט דארטן, ווי די גמרא זאגט, אז "מי שאין לו אשה נפנה לשם", וואס די משנה ברייננגט דאס ניט אראפ, ווארום ס'איז מעצמו מובן, דאס איז א תוספות ביאור, יוצאות וחולות בכרמים, "ומה היו אומרים בחור שא נא עיניך וראה אל תתן עיניך בנוי", נאר וואס דען ער זאל קוקן במשפחה, "תן עיניך במשפחה", און מ'זאגט אים אז ס'איז דא אויף דערויף א ראי' פון א פסוק בתורה - "שנאמר שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל".

וואס לכאורה אין דעם פסוק ווערט גארניט דערמאנט וועגן אן ענין פון יחוס - וועגן אן ענין פון משפחה.

דערנאך זאגט די משנה "ואומר" - ס'איז דא נאך א פסוק וואס איז שייך צו דעם ענין: וואס איז דער צווייטער פסוק - "תנו לה מפרי ידי' ויהללו בשערים מעשי'", וואס אט דא רעדט זיך ווייטער ניט וועגן אן ענין פון משפחה, ווי מפרשי המשנה שטעלן זיך שוין אויף דעם.

אזן דערנאך זאגט ער "וכן הוא אומר", וואס ווי דער פירוש הלשון פון וכן הוא אומר (וואס איז דא כו"כ פעמים בש"ס) איז דער טייטש אז דער זעלבער ענין חזר'ט זיך איבער נאך אין אן ארט, וואס ברייננגט ער אראפ "וכן הוא אומר" - "צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו" - ביום חתונתו זה מ"ת וביום שמחת לבו זה בנין ביהמ"ק שיבנה במהרה בימינו אמן.

וואס וכן הוא אומר! דא איז לגמרי ניטא דער גאנצער ענין? טייטשן אויף דערויף אפ מפרשים אז ע"ד ווי דאס איז געווען ביי דעם שידוך וועגן וועלכן ס'רעדט זיך אין דעם פסוק "שא נא עיניך וראה" - ניט קוקן אויף נוי נאר "תן עיניך במשפחה", עד"ז איז דער שידוך צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן.

דער שידוך איז פארבונדן מיט מ"ת, איז אט דאס זאגט ער וכן הוא אומר, דער ערטשער שידוך וואס איז געווען, וואס דאס איז דער שידוך בין הקב"ה לישראל, וואס שה"ש איז דאך אויף דערויף מיוסד, ווי ער איז מפרש אין מפרשים פון שה"ש, אז "אחותי רעיתי יונתי תמתי" גייט דאס אויף די אידן, און "דודי בקי הבנים" גייט דאס אויפן אויבערשטן (ראה שהש"ר עה"פ תמתי תאומים).

וואס וואו איז געווען דער שידוך - איז דאס געווען במ"ת, און אויף דערויף זאגט ער אז וואס איז דעמאלט געווען וכן הוא אומר אזוי איז געווען בא יענען שידוך אויך, וואס וואס איז געווען בא יענען שידוך - צאינה וראינה פונקט אזוי ווי דא איז בנות ירושלים אדער בנות ישראל יוצאות וחולות בכרמים, אט אזוי זאגט ער דא אויך דער לשון צאינה וראינה, און במלך שלמה שהשלום שלו, וואס דאס גייט אויפן אויבערשטען, "בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו זה מ"ת", וואס דעמאלט איז געווען דער שידוך מיט אידן, "וביום שמחת לבו", וואס דאס איז דער ענין פון ביהמ"ק, "מ"ע לעשות בית לה' מוכן

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 396 הודפס ע"י אוצר החכמה

להיות (רמב"ם ריש הל' ביהב"ח) מקריבים בו הקרבנות" וואס (ווי ער זאגט אין סהמ"צ להרמב"ם, אז) דער ענין פון ביהמ"ק איז אז "בית מוכן להקריב בו קרבנות" (סהמ"צ מ"ע כ), דאס איז א ארט אויף לעבוד ה' מקום מוכן להקריב קרבנות, און ווי ער ברייגנגט דאס אראפ אין הל' ביהב"ח, ווי געועדט אמאל בארוכה דער דיוק (לקו"ש חי"א ע' 116 ואילך) שבדבר.

וואס איז דא דער קשר פון תן עיניך במשפחה זיינען מפרש מפרשים, אז דאס וואס ס'איז געווען דער שידוך מצד דערויף וואס אידן זיינען בני אברהם יצחק ויעקב, במילא איז "להחליפם באומה אחרת איני יכול" (ראה קידושין לו, א (שו"ת הרשב"א ח"א סקצ"ד). רות רבה פתיחתא ג. וראה במדב"ר פ"ב, טו. ועוד), און מ'זאגט דעם בחור, וואס דאס איז דער אויבערשטער, אז שא נא עיניך וראה אל תתן עיניך אע"פ וואס לשעה איז "שחורה אני ששזפתני השמש", אז ס'איז ניט אזוי דער "יפה וטוב ונעים במצוות", אבער ס'איז תן עיניך במשפחה - אז דאס רעדט זיך וועגן בני אברהם יצחק ויעקב במילא ווערט דאס א בנין עדי עד, ביז וואנעט "להחליפם באומה אחרת אא"פ".

און פארוואס איז טאקע דער טעם - דערפאר וואס סוכ"ס איז דא דער מ"ת, און ס'איז דא דער ענין פון בנין ביהמ"ק שיבנה במהרה בימינו אמן, ווי ער איז מסיים, איז סוכ"ס איז "בל ידח ממנו נדח", במילא איז אפילו די וואס לפי שעה זיינען זיי ניט אין א מצב פון נוי, איז וכן הוא אומר, אזאזוי איז דאס ביי דעם שידוך העקרי צווישן דודי בין הבנים מיט אחותי רעיתי יונתי תמתי.

וואס אין דערויף איז אויך ניט פארשטאנדיק: וואס איז דא מוסיף דער וכן הוא אומר אויף דערויף וואס ער האט געזאגט פריער אז "תנו לה מפרי ידי' ויהללוה בשערים מעשי'", וואס אויף דערויף דארף מען אנקומען צו "וכן הוא אומר", כידוע אין כללי הש"ס אז וכן הוא אומר דארף משלים זיין אן ענין וואס לולא פון דער ראי' וואלט מען ניט געוואוסט, וואלט געבליבן א דבר בלתי מובן אדער געבליבן א קשיא.

דערנאך איז דאך ידוע די קושיא העיקרית, וואס די משנה זאגט אז זיי זאגן תנו עיניך במשפחה, וואס אט דא ווערט דאך גלייך א שאלה און א קשיא: דאס איז דאך א שייכות מערניט ווי צו מיוחסות, און די קשיא ווערט נאך שטורעמדיקער אז מ'גיט א קוק ווי די משנה ווערט דערנאך נתפרש אין גמרא, איז דארטן ווערט אראפ געבראכט די גירסא "מיוחסות שבהן אומרות על תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה", דערנאך זאגט ער גלייך אין דער ברייתא, אז ס'איז געווען פיר באזונדערע פתגמים, געווען א נוסח וואס עס האבן געזאגט "מיוחסות", א נוסח וואס עס האבן געזאגט "יפות", א נוסח וואס עס האבן געזאגט "מכוערות".

ווערט דאך די שאלה: א ברייתא קען דאך ניט איבערקערן - ח"ו א משנה, זי קען מפרש זיין און מפרט זיין ענינים וואס שטייען אין דער משנה, און אין דער משנה שטייט מערניט ווי אידן נוסח, וואס לכאורה לויט דעם פירוש הגמרא איז דער נוסח שייך מערניט צו די וואס זיי זיינען פון א משפחה מיוחסת, וואס דעמאלט טענה'ן זיי תנו עיניך במשפחה, ווערט דאך אט דא די שאלה: וואס זאלן טאן אט די וואס זיינען ניט קיין מיוחסות, לויט דעם ענין ווי דער ענין שטייט אין דער משנה.

נאך דערויף ווי די גמרא ברייננגט אראפ די פרטים איז די גמרא מסיים, ווי דערמאנט פריער, אז "הקב"ה עושה מחול לצדיקים בג"ע", וכל אחד איז מראה באצבעו שנאמר "זה הוי' קוינו לו ויושיענו זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו", און דאס איז דער סיום ווי ער איז אין דער גמרא.

און ווי רש"י פארבינדט דאס, אז דא איז אויך דער לשון עושה מחול, איז דאס אויך דער קשר צו דער משנה יוצאות וחולות בכרמים, ווי רש"י איז דארט מפרש אז חולות בכרמים איז דאס אויך אן ענין פון מחול, און טייטשט אפ אז וואס ווערט דאס אנגערופן בשם מחול, דאס איז א ריקוד וואס מען גייט סביב, ווי א ראד, ווי א קייַלעכדיקע זאך.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 397 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוה"ח 1234567



און דערנאך זאגט אויף דערויף שנאמר זה ה' קוינו לו ויושיענו זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו, וואס דער פירוש הפשוט אז דאס איז א ראי' וואס מ'זאגט מראה באצבעו איז דאס שייך זאגן בשעת מ'זאגט זה, איז דער פירוש הפשוט אין זה איז בשעת ער באווייזט באצבע, ווי רש"י טייטשט אפ אויף זה א-לי ואנוהו,

און דאס וואס דערנאך בריינגט ער אראפ דעם גאנצן פסוק איז עס כדי לסיים בדבר טוב, און אויך, אט דאס איז א ביאור פארוואס ווערט דערפון א מחול, וואס דאס איז דאך אן ענין של שמחה, ביז א שמחה של ריקוד, ווארום אט דאס וואס ער איז מראה באצבעו, איז ניט סתם ער באווייזט אויפן אויבערשטן, זה ה', נאר ער באווייזט אז זה ה' קוינו ויושיענו, און דערנאך נגילה ונשמחה בישועתו, אז ס'איז געווען בישועתו איז דאס געווארן נגילה ונשמחה, וואס דאס איז דער ענין פון דעם מחול.

שטעלט זיך רש"י אויף דערויף אויף "מראה באצבעו" און זאגט אויף דערויף ואומר זה ה' קוינו לו ויושיענו זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו, וואס איז דא רש"י מוסיף אויף דעם וואס שטייט אין גמרא, איז דא א דיוק נפלא וואס רש"י איז מוסיף איין ווארט, וואס אט דער ווארט איז מחדש א דבר נפלא: רש"י שטעלט אריין דעם ווארט "ואומר".

די גמרא זאגט "מראה באצבעו שנאמר זה ה' קוינו לו ביז נגילה ונשמחה בישועתו", איז א ראי' אויף צוויי זאכן: אז ער איז מראה באצבעו, דערפאר וואס ס'שטייט דער לשון "זה", און נגילה ונשמחה בישועתו איז א ראי' אז דאס איז אן ענין של מחול.

זאגט רש"י אז דא איז דא נאך א דריטע זאך, אז ניט נאר ס'איז מראה באצבעו, נאר אט דאס וואס מ'זאגט ואמר ביום ההוא זה ה' קוינו לו מיינט מען דאס אז אין דעם מחול ממראה באצבעו און ער זאגט דעמאלט זה ה' קוינו לו ויושיענו זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו.

וואס איז דא דער חידוש גדול ביותר? ביז וואנעט אז דאס ווערט גאר א שאלה וואס פאסט דא די אמירה, אמירה איז מגלה צו א זולת, אט דאס וואס דער זולת ווייסט ניט, א זאך וואס יענער ווייסט אן זיין רעדן דארף ער אים ניט מגלה זיין ער ווייסט אליין.

בשעת הקב"ה עושה מחול לצדיקים, און כל אחד איז מראה באצבעו, און כל אחד איז שמח דערפאר וואס נגילה ונשמחה בישועתו, איז וואס דא פאר אן ארט אז ער זאל דאס דערנאך זאגן, און וועמען וועט ער דאס זאגן, די אלע וואס געפינען זיך דעמאלט איז דאך "כל אחד מראה באצבעו", און כל אחד שטייט אין א תנועה של שמחה, און פארוואס איז ביי אים די שמחה דערפאר וואס פאר דעם ג"ע איז ער געווען אין א מעמד ומצב של תקוה, און דערנאך האט דאס געבראכט צו נגילה ונשמחה בישועתו, וואס דערפאר איז דער פירוש הפשוט אין גמרא אז ואמר ביום ההוא זאגט דאס דער נביא אז דעמאלט וועט זיין אזא מין מעמד ומצב אז יעדערער וועט טראכטן בלבו אדער ער וועט דאס איבערלעבן, אדער ער וועט דאס דערנאך דערציילן בשעת ער וועט ארויס גיין בחוץ פון דעם מחול.

רש"י איז מחדש אז בשעת ער איז מראה באצבעו אט דעמאלט איז "ואומר",

וואס אט דא ווערט די שאלה אין שתי נקודות, ערשט'נס וואס טוט אויף דער ואומר בשעת אלע וואס זיצן דערביי שטייען אין דער זעלבער תנועה, און כל אחד איז מראה באצבעו און שטייט אין אן ענין פון נגילה ונשמחה בישועתו, אפילו אז מ'זאל זאגן אז מ'ווייסט וואס דאס טוט אויף - ווערט די שאלה פון וואנעט נעמט דאס רש"י, אין גמרא זאגט ער מערניט מראה באצבעו שנאמר "ואמר ביום ההוא".

וואס דער ביאור בדבר עכ"פ אין נקודות, איז אז דער ענין פון משפחה איז דאך דער ענין וואס דאס בויט אויף א מענטשן, ווי בפשטות "חנוך לנער ע"פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו", ווי די גמרא זאגט אין קידושין "עד דידך על ברידך" אויפן קינד איז אט דעמאלט זאל ער אים מחנך זיין.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 394 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דערנאך איז ווי די גמרא איז מאריך בכ"מ ובפרט אין קידושין און די חיובים וואס עס איז דא אויף די עלטערן אויף לערנען דיקינדער, ביז וואנעט אז מ'זאגט אז אויב ער לערנט אים ניט ווי ס'דארף צו זיין, איז אט דעמאלט כאילו מלמדו לסטים.

און מ'זאגט אין משנה אין עדיות אז "אב מוריש לבנו" אין חמשה ענינים ווי ער רעכנט זיי אויס בפרטיות. וואס כנגד די חמשה דברים איז דא די חמשה חיובים פון א בן לאב, און חמשה פון אן אב לבן, כמדובר בכמה ספרים ובכ"מ בארוכה,

ובפרט נאך ווי די גמרא איז מאריך און מסביר אין די ענינים פון חינוך בכו"כ מקומות אויף וויפל דאס איז נוגע לכל החיים כולו.

ביז וואנעט אז מ'זאגט אז כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, וואס וואס איז דא דער קשר - איז דער קשר בפשטות: אז דאס ווי ער פירט זיך דערנאך אויף, וואס ער טוט און ווי אזוי ער פירט זיך און ווי אזוי ער איז מנהל חייו, הייבגט דאס אפ דער עיקראין דעם וואס ער איז מלמדו תורה.

וואס דערפאר איז דאך בכמה ענינים איז דאך "אבידת אביו ואבידת רבו איז אבידת רבו קודמת".

וואס בכללות איז חינוך דורך וועמען ווערט דאס אויפגעטאן, איז דאס דורך אט די וואס ווערן אנגערופן בכללות בשם משפחה, איז דאס משפחה כפשוטה - איז דאס דער אב ואם וואס זיי זיינען מחנך די קידנער, דערנאך איז דא דער משפחה אין אן אופן רחב יותר, ווי אין דערויף גייט אריין אט דער וואס "מלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", איז דאס איז זיין "אב" ברוחניות, ועד"ז ווי די גמרא דערציילט אז אמר אביי "אמרה לי אימא", וואס דאס האט ער אזוי אנגערופן די מינקת שלו, ועד"ז בכ"מ וואס מ'געפינט אז די וואס זיינען מחנך א קינד; און מחנך א מענטשן איז אט די ווערן אנגערופן זיינע הורים ברוחניות, ביז וואנעט אז בכמה ענינים האבן זיי דין קדימה לגבי הורים בגשמיות.

וואס דאס ווערט אויפגעטאן, דער ענין החינוך - דורך ענינים של לימוד בדיבור; דורך ענינים של הנהגה, וואס קינדער קוקן זיך צו ווי עלטערע פירן זיך ומהם יראו וכן יעשו איז דאס אויך חינוך, ואדרבה, דאס איז גאר א חינוך עמוק ביותר, ווי מ'געוואוינט איין קינדער אין זייער הרגל אז זיי זאלן זיין אין א סביבה פון יראת שמים פון אהבת ה' און יראת ה' און חיבת התורה, חיבת המצוות וכו', וואס אט די אלע ענינים ביחד ווערן אנגערופן בשם משפחה.

וואס דאס איז דאך אויך דער דיוק "למשפחותם לבית אבותם", ווי גערעדט אמאל בארוכה דער גודל הענין משפחה כפשוטה, ווארום אט דאס איז פארבונדן מיט דער השפעה אויף די קינדער, און אין דערויף הייבגט אפ ווי די קינדער וועלן זיך דערנאך פירן, וואס דערפאר איז בשעת מ'זאגט א משפחה, אין א משנה, וואס דארט איז א לשון קצרה, וואס זי איז אין זיך כולל כו"כ ענינים ווי דער רמב"ם שרייבט אין פיהמ"ש בנוגע צו לשון המשנה, איז אט דא מיינט משפחה, אין אן אופן כללי, אלע ענינים וואס גייען אריין אונטער דעם סוג, אונטער דעם תואר פון משפחה, וואס דאס איז די הורים בפשטות - אב ואם, און אויך דער רב שלימודו תורה, און דאס איז אט די וואס זיינען אים מחנך, ביז וואנעט אז דאס איז אויך אחיו הגדול - כבד את אביך "לרבות אחיך הגדול", ווארום ער איז אויף אים אויך משפיע, די הנהגה פון אחיו הגדול איז משפיע אויף די הנהגה פון די קינדער שלאח"ז ווי דאס איז ע"פ קבלה און ווי מ'זעט דאס אויך בפשטות.

וואס דערפאר שטייט דא ניט תן עיניך בהורים אדער באבות וואס דאס קען כולל זיין כל הדורות כולם, נאר ער זאגט בכלל דעם ענין פון משפחה.

וואס אין דערויף קען זיין כמה פרטים, אבער די משנה זאגט דעם ענין בכללות, אז וואס דארף מען קוקן - דארף ער קוקן במשפחה, וואו אט דער מענטש, אט די, האט



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 394 הודפס ע"י אוצר החכמה

זיך אויפגעהאדעוועט, צי זי האט זיך אויפגעהאדעוועט אין אזא מין אופן וואס דערנאך וועט דאס אויסוואקסן "אשה יראת ה'", וואס אט דאס הייבגט אפ אן דעם ענין פון דעם חינוך מיט דער סביבה מיט דער משפחה וואו זי איז אויסגעוואקסן.

במילא איז דאס כולל סיי דער ענין פון מיוחסים, וואס דעמאלט איז דער ענין פון יחוס כפשוטו, יחוס של אבות, פון עלטערן, וויבאלד אז עלטערן זיינען מיוחס גייט דאס צוזאמען מיט א חינוך טוב, ווארום דאס מיינט מען דאך אמת'ן יחוס ציט זיך דאס ביז "אין קורין אבות אלא לשלשה".

דערנאך קען זיין אזוינע אז דאס איז אן ענין וואס "יפות" בפשטות, כמבואר בכמה ספרים (ראה לקו"ש חי"ג ע' 258 ואילך. וש"נ) אז כשרות האכילה ושתי' עאכו"כ דער ענין פון טהרת המשפחה, ביז אז מקדש עצמו בשעת אותו הענין איז אט דעמאלט ווערן געבארן "בנים" און "ילדים" באים כפשוטם (וראה ג"כ תניא ספ"ב), ווי ס'ווערט דערציילט אין גמרא און אין ברייתא און אין מדרשים ובכמה מקומות, אז דאס וואס ס'איז שיינע קינדער, איז דאס דערפאר וואס זיי זיינען געבארן געווארן בטהרה ובקדושה וביופי רוחני, קומט דאס דערנאך אראפ אין יופי גשמי.

וואס אט דאס קען זיין אפילו ביי אזוינע וואס האבן ניט קיין יחוס ההורים ניט משפחות מיוחסות, דאס איז אבער אזא מין משפחה, אזוינע מחנכים וואס זיי האבן געבארן קינדער אין א יופי רוחני מיט א יופי גשמי, דערפאר וואס זיי האבן חוזר בתשובה געווען, זיי האבן יחוס עצמו, עד כדי כך, אז זייערע קינדער זיינען געבארן געווארן וואס זיי שטייען אין א תכלית היופי.

וואס דאס איז נאך א פרט אין משפחה וואס אין משנה. איין פרט דער ענין מיוחסות, א צווייטער פרט דער ענין פון יופי.

דערנאך זאגט ער "מכוערות שבהן מה הן אומרים, קחו מקחכם לשם שמים",

וואס אט דא ווערט דאך די שאלה: וואס איז דא פאר א קשר, ניטא דער ענין פון לשם שמים, דארף ער דוקא טראכטן וועגן א מכוערת, ניטא אזא מין זאך, ס'דארף ניט זיין קיין "תן עיניך בנוי" אז דאס זאל מכריע זיין א חסרון; ער האט א חסרון וויבאלד ס'איז דא יופי חיצוני - איז "תן עיניך בנוי" שויג ניט, אבער זאגן אז לשם שמים דארף ער זוכן א מכוערת ניטא אזא מין ענין, אדרבה, די גמרא פסק'נט אז ס'דארף זיין דער ענין אז כלה דארף זיין חביבה בעיני בעלה, עד כדי כך, אז ס'איז דא כמה הנהגות וואס מ'דארף זיך היטן כדי אויף ניט אנצורירן דעם יופי הכלה בפני החתן, ביז אין דינים אין שו"ע, וואס איז דא דער קשר מכוערות שבהם אומרות "קחו מקחכם לשם שמים" - לשם שמים איז מערניט א טענה אז ביי אים יופי פארנעמט ניט קיין ארט, אבער כיעור זאל זיין א מעלה איז דאס ניט קיין כיעור,

עד"ז איז אויך דורש א ביאור נוסף וואס די משנה זאגט "שא עיניך וראה", דערנאך זאל מען ניט קוקן אויף נוי נאר תנו עיניך במשפחה - דארט רעדט זיך דאך ניט נאר וועגן נוי וואס ער איז בלתי אמיתי, מערניט ווי א נוי חיצוני, נוי גשמי, אט דעמאלט דארף דער פסוק דאך ניט מחדש זיין "שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל" - אן ענין אין תורה, אין דערויף איז ניטא קיין חידוש.

זאגן אז חן און יופי גשמי איז דאס ניט א זאך וואס האט א קיום, און ס'איז ניט א זאך וואס וועגט איבער יראת שמים ("אשה יראת ה'") אין תורה איז מאי קמ"ל.

מוז מען דאך זאגן אז דאס האט אן ענין, א תפיסה, אז ע"פ תורה האט דאס אויך אן ענין וואס ווערט אנגערופן נוי אדער יופי, און אעפ"כ קומט דאס ניט צו דעם ענין פון יראת ה'.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 400 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז בדוגמא ווי דער פסוק הידוע "אל יתהלל חכם בחכמתו" און "גבור בגבורתו" און "עשיר בעשרו", "כ"א בזאת יתהלל", וואס דא קומט דאך דער פסוק מחדש זיין אז ס'קען זיין א קס"ד אז א חכם זאל זיך מתהלל זיין בחכמתו, און מ'דארף מחדש זיין אויף ניט, איז דאס פארשטאנדיק, וואס דא קומט דאך דער פסוק מחדש זיין אז ס'קען זיין א קס"ד אז א חכם זאל זיך מתהלל זיין בחכמתו, און מ'דארף מחדש זיין אויף ניט, איז דאס פארשטאנדיק, וואס איז דא דער חילוק פון גיבור און עשיר, איז דאס מצד דערויף פארשטאנדיק ווי די גמרא זאגט אז אין השכינה שורה סיידן אויף דעם וואס ער איז א בעל קומה און א גבור מיט א עשיר וכו', ווי דער רמב"ם איז דאס מפרש אז בשעת ער האט אט די מעלות איז ער מכובד על הבריות און קולו נשמע און ער דארף צו קיינעם ניט אנקומען און ער קען טאן די אלע ענינים וואס דארף טאן מיטן תוקף ובהתחזקות און מ'זאל אים אויך פאלגען.

וואס אויף דערויף זאגט מען, אז אע"פ אז מ'דארף האבן חכמה און מ'דארף האבן גבורה און מ'דארף האבן עשירות נאר אויף נוצן דאס אויף געזונטע זאכן אויף גוטע זאכן, אבער מתהלל זיין זין בזה איז ניטא וואס - דאס איז ניט אן ענין לעצמו, דאס איז מערניט ווי אן אמצעי, א וועג, כדי דורך דערויף זאל ער קענען טאן אן עיקר זאך, אבער זיך מתהלל זיין מיט חכמתו וגבורתו ועשרו - ניט אויף דערויף איז שייך ניט דאס איז דער עיקר.

ועד"ז אט דאס וואס די משנה זאגט אז "אל תתן עיניך בנוי", איז דאס ניט דער ענין אז דאס איז מערניט ווי נוי חיצוני, אפילו ווען דאס איז ע"פ תורה נוי, וויבאלד אבער אז דאס איז מערניט ווי אן אמצעי, דער עיקר דארף זיין דער "אשה יראת ה' היא תהלל", איז ביז וואנעט אז ווען איז דער חן און דער יופי ניט קיין שקר - בשעת דאס געפינט זיך ביי אשה יראת ה', וואס אט דעמאלט איז היא תהלל במילא איז אויך דער חן און יופי דעמאלט תופס מקום, ע"ד ווי מ'זאגט בנוגע צו השכינה שורה דארף מען האבן די חכמה און גבורה און עושר וואס אט דעמאלט איז דאס מצליח און די שכינה איז שורה און מ'פאלגט אים.

עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע מכוערות, אז זיי האבן ניט דעם ענין ווי דאס קומט מצד חינוך, זיי האבן ניט דעם ענין ווי דאס קומט מצד עשירות ויופי וכו', וואס זיי ווייסן אז זיי האבן אין זיך קיין מעלה ניט, וויבאלד אבער אז דאס גופא וויסן זיי און דאס איז זיי מעורר איז אז דעמאלט ווערט ביי זיי דער ענין פון קב"ע מלכות שמים, בדוגמא פון דעם לשון "ונפשי כעפר לכל תהי'" (איז דערפאר איז) "פתח לבי בתורתך", דוקא דערפאר וואס ער ווייסט אז ער איז "עניו מכל האדם אשר ע"פ האדמה" (בהעלותך יג,) - נידעריקער מכל האדם אשר ע"פ האדמה, אט דאס איז אים מעורר, ניט נאר בנוגע צו זיך - ער איז מעורר ביי א צווייטן אויך "קחו מקחכם לשם שמים", און ער באווייזט א ביישפיל, אז ער איז אין א מעמד ומצב פון מכוער, ס'איז ניטא קיין מעלה וואס ער האט באקומען א חינוך פון יחוס; א מעלה וואס ער האט באקומען מצד היופי; א מעלה וואס ער האט באקומען מצד עשירות, ער ווייס אבער, ער דערקענט זיין מעמד ומצב און דאס איז אים נוגע, ער באטראכט דאס אז דאס איז אן ענין של כיעור, וואס אט דעמאלט, אז ער האט מחליט געווען אז דאס איז א מצב של כיעור, איז אט דעמאלט פועל'ט ער ביי זיך דער ענין פון לשם שמים, און פועל'ט אויך "קחו מקחכם לשם שמים", אט דעמאלט האט ער אט די מעלה אין "אשה יראת ה' היא תתהלל", וואס דאס קומט מצד דערויף וואס ער פילט ביי זיך אז ער געפינט זיך אין שפל המצב ביותר.

וואס דערפאר איז דאס באך א פרט, וואס ס'איז דא אין תן עיניך במשפחה וואס די משנה זאגט, איז דא נאך א פרט אז מ'האט אים ניט מחנך געווען אויף כל המעלות, מ'האט אים אבער מחנך געווען אז ער זאל אנערקענען דעם אמת אז רע ומר עזבך את ה' אלקיך, במילא איז דאס אן ענין של כיעור, און אט דעמאלט איז ער שואף צו אזא מין שידוך, וואס אט דא קומט אויך צו דער ענין כפשוטו, וואס אין מקרא אין מאמר רז"ל יוצא מידי פשוטו, אז בשעת ס'קומט א בחורה און זי טענה'ט אז זי איז מכוערת, און זי וויל האבן א בחור וואס ער זאל זיין מקחך לשם שמים, ניט נוגע קיינע ענינים



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס 401 הודפס ע"י אוצר החכמה

ביי אים, מערניט וואס ער זאל זוכן א שידוך וואס דאס איז פארבונדן מיט לשם שמים, וואס דאס באווייזט אז זי איז די אמת'ע אשה יראת ה' היא תתהלל.

אז זי זוכט א בחור וואס יאגט זיך נאך לומדות, ניט דאס איז א ראי' אז ער איז א ירא שמים, ס'קען זיין אז ער וויל כדי אז ער זאל זיך קענען בארימען אז ער האט א פרוי וואס זי קען לערנען תורה און מלמד זיין תורה, און מצליח זיין בזה וכו' וכו'.

און ס'קען זיין אז דאס לשמה - ער וויל דאס מצד דער אמת'ער מעלה, ועד"ז בנוגע עשירות, ועד"ז בנוגע לעושר.

ווען איז ניטא קיין ספק בשעת ס'גייט א מיידל און זאגט אז זי זוכט א בחור וואס ער וויל א שידוך לשם שמים, אט דאס איז א סימן אז אע"פ וואס זי איז ביז (א רגע פאר דעם) געווען אין מעמד ומצב פון מכוערת איז ערשט אויף איר גייט דער אשה יראת ה' היא תתהלל, וואס די משנה ברייינגט דאס אראפ אויך די ראי' אויף דעם.

און דערנאך זאגט די משנה "ואומר", דאס איז ניט אז וויבאלד אז זי האט דאס באקומען מצד משפחה איז זי געווארן אשה יראת ה' - ניט דאס איז דער תכלית פון נישואין, דער תכלית פון נישואין איז, ווי דער דין איז פשוט בפשטות, ביז ווי ס'ברייינגט זיך אראפ בנוגע צו ברכות וכו' - דער ענין פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה", וואס דערפאר זאגט ער ואומר - דעם צווייטן פסוק, ס'איז ניט גענוג אט דאס וואס שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל, נאר דערנאך איז דא דער צווייטער ענין וואס זאגט ואומר, פון א צווייטן פסוק, אז "תנו לה מפרי ידי' ויהללוה בשערים מעשי'", אז דערנאך ווערט דער כל חייו נאכן שידוך נאך די נשואים אין אן אופן וואס ס'איז דא דער בשערים מעשי' און מפרי ידי', אז סיי זי איז פון דעם פרט אין משפחה וואס דאס איז מיוחסת, סיי אין דעם פרט פון משפחה וואס דאס איז עשירות סיי אין פרט פון משפחה וואס זיינען יפות, סיי אין פרט פון משפחה פון זיין מכוערת, איז מצד דערויף וואס זיי טענה'ן אז בשעת דער בחור זוכט דעם שידוך זאגט מען אים שא נא עיניך וראה, לכאורה וואס איז דא שייך "שא נא עיניך וראה" - פארקערט - ער וועט קוקן אין הימל וועט ער ניט זען מיט ווען ער טרעפט זיך.

בשעת ס'שטייט "ראה מה אתה בורר" איז פארשטאנדיק; והקדמה בזה איז <u>שא</u> עיניך וראה.

וואס דאס איז די משנה פארבונדן מיטן לשון הפסוק "שאו מרום עיניכם", אז א איד הויבט אויף די אויגן איז די איינציקע זאך וואס ער זעט זעט ער נאר "<u>מי</u> ברא אלה", און דערנאך ווייס ער <u>מי</u> אתה בורר.

און אין דערויף גופא איז דא כמה פרטים, וואס די משנה דערמאנט דאס אין אן אופן כלל, און די גמרא און די ברייתא איז דאס דערנאך מפרש כמבואר לעיל.

וואס דאס איז אויך דער קשר וואס מ'זאגט מיט "מלך שהשלום שלו", וואס דאס איז דער ענין פון שלימות, און דער ענין פון שלום איז שייך זאגן דעמאלט דוקא ווען מ'איז מחבר הפכים, וואס דערפאר איז אויך דאס זיין די הפכים פון איש ואשה, און ס'דארף זיין די הפכים אז דעמאלט איז ער כולל אין עם ישראל די אלע פיר דרגות, ווי געערדט אמאל אז דאס איז כנגד פון שם הוי', סיי מיוחסות און סיי עשירות און סיי יפות און סיי מכוערות די ד' אותיות פון שם הוי' כמדובר בארוכה אין א פריערדיקן מאל.

און דערנאך מאכט מען פון זיי אלעמען שלום, ביז מ'מאכט פון זיי אלעמען אן ענין פון שלימות, און פארוואס קען דאס זיין - דערפאר וואס דאס איז מלך שהשלום שלו, ווי קומט דער שלום שלו זאל דערנאך אראפקומען למטה, איז דאס איז דער ענין

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 402 הודפס ע"י אוצר החכמה

פון מ"ת ווי דער רמב"ם זאגט "התורה ניתנה בעולם כדי לעשות שלום בעולם", קומט דערנאך דורך מ"ת אראפ דער שלום שלו אט דא למטה, און דאס קומט אראפ אין נש"י און די בנ"י, וואס דערפאר איז מען מאחד די אלע פיר סוגים, און דאס קומט דערנאך אראפ אין בנין ביהמ"ק, אז מ'מאכט אויף פון דער גאנצער וועלט אז ס'זאל זיין א ביהמ"ק "חלונות שקופים אטומים שמשם אורה יוצאה לכל העולם כולו".

און אט דערמיט איז אויך פארשטאנדיק, וואס דא איז דא דער סיום פון דער משנה, דערנאך זאגט די משנה "שיבנה במהרה בימינו אמן".

זאגן מפרשים אז וויבאלד מ'האט דערמאנט וועגן ביהמ"ק איז מען מסיים מיט א תפלה, וואס האט א שייכות דאס אין תורה ס'איז ניט קיין סידור.

נאר אין דערויף קומט אויך, דאס איז א מהשך פון דער הוראה: פונקט אזוי ווי דער ענין פון א שידוך איז, כאמור לעיל, אז ס'זאל זיין תנו לה מפרי ידי' ויהללה בשערים מעשי', אנהויבנדיק פון קינדער הולכים בתורה ומצוות, אט אזוי איז אויך דער ענין וואס מ'לערנט די משנה און מ'לערנט די פרטי המשנה, און היו יוצאות וחולות בכרמים בחמשה עשר באב וביוהכ"פ - איז די כוונה בזה איז ניט נאר אז מ'זאל וויסן אז ביום חתונתו זה מ"ת וביום שמחת לבו זה בנין ביהמ"ק נאר מ'זאל וויסן אז ער טוט שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו.

וואס דערפאר איז אויך דערנאך דער סיום אמן, וואס דאס האט שוין קיין שייכות ניט צו א תפלה אויך, דערויף איז דער טעם אויך ניט מספיק, אזוי איז מען זיך נוהג איינער זאגט שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו, און דער צווייטער ענטפערט אמן, און דא זאגט ער דער זעלבער סיום, נאר דערנאך, נאך דערויף ווי ער זאגט אז ער טוט דאס אין אזא מין אופן, כדי דער יבנה ביהמ"ק במהרה בימינו, זאגט ער אז איז חותם בזה אז דאס איז אמת ואמונה, ער לייגט זיך אין דערויף אינגאנצן ארייך, וואס דערפאר אז מ'זאגט צוויי מאל אמן איז דאס שוין א שבועה, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז איין מאל אמן איז ניט סתם געזאגט, נאר דאס איז אן ענין וואס דאס איז שוין א התחלה אויף א שבועה, וואס דאס באווייזט אז ער לייגט אין דערויף ארייך כחות בעלים ביותר, בדוגמא ווי די כחות ווען נשבע לקיים את המצוה.

וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק וואס רש"י זאגט דא נאך ואומר, ווערט דאך אט דא די שאלה: ווען מען זאגטער דאס, בשעת אז אלע געפינען זיך אין מחול, און יעדערער איז מראה באצבעו, און יעדערער שטייט אין אן אופן פון נגילה ונשמחה בישועתו, נאר דאס קומט בהמשך צו פריער.

פריער דערציילט די גמרא אז אין צדיקים איז דא די פיר סוגים, ס'איז דא מיוחסים און עשירים און יפים או מכוערים, וואס זיי זייבען אויך צדיקים, וואס דערפאר שרייען זיי קחו מקחכם לשם שמים, די גאנצע הנהגה זייערע איז, בנוסח הידוע פון דעם אלטן ריב'ן, זע איך וויל גארניט, איך וויל ניט דיין ג"ע איך וויל ניט דיין עוה"ב איך וויל מערניט ווי דיר אליין - דער מקחכם לשם שמים.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז בשעת דערנאך איז מראה באצבעו, איז יעדערער זעט א ניעם ענין וואס דער צווייטער סוג זעט דאס ניט, אט דאס וואס מיוחסות זעען איז איין זאך; וואס מכוערות זעען איז א צווייטע זאך; אט דאס וואס יפיפיות שבהן אומרות, עשירות שבהן אומרות - יעדערער זעט פון זיין ענין, בדוגמא ווי מ'זאגט אז אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד, אפילו ס'איז דער זעלבער תוכן, אבער מצד דערויף וואס ס'איז אן אנדער נביא, אן אנדער נשמה אן אנדער גוף, קומט דאס ביי אים ארויס אין אן אנדער סגנון.

עד"ז איז דאס אויך בשעת מ'זיצט ביים זעלבן מחול, און יעדערער איז מראה באצבע, איז ער מראה באצבעו (מיט זיין אצבע), בשעת ס'איז מראה דער ענין פון א חכם זעט ער חכמה; בשעת ס'איז מראה דער ענין פון קב"ע זעט ער קבלת עומ"ש, ועד"ז בנוגע עשירות, ועד"ז בנוגע יפיפיות.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 403 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז בדוגמא ווי מ'זאגט דער ענין ואהבת את הוי' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך - אפילו די עבודה פון מאוד, בלי גבול, איז דאס אויך בא יעדערן אין זיין אופן, און אויף זיין אופן פון בלי גבול.

לכאורה האבן זיי א צד השוה - בא יעדערן איז למעלה ממדוה"ג, אבער אעפ"כ ביי דעם איז דאס בלי מדוה"ג אין ענין פון מס"ב, ביי דעם איז דאס בלי מדוה"ג אין אן ענין פון הבנה והשגה, וכו' וכו', ביז וואנעט אז מ'זאגט אז ס'איז דא ששים ריבוא נשמות, וואס יעדערער האט זיך זיין דרך אין תורה און זיין דרך אין עבודת ה'.

וואס דערפאר איז בשעת ער זיצט אין דעם זעלבן מחול פון די אלע פיר סוגים כללים, ביז וואנעט אלע צדיקים, ששים ריבוא נשמות כלליות, איז יעדערער איז מגלה אט דאס וואס ער זעט, אז דאס וואס ער איז מראה באצבעו, אט דאס וואס ביי אים איז געווען דער קוינו לו, אט דאס וואס ביי אים איז נגילה ונשמחה בישועתו, איז עינו טובה בשל אחרים, אע"פ וואס דער צווייטער איז ניט שייך צו אזא מין תקוה, ניט שייך צו אזא מין שמחה, ווארום עבודתו איז גאר אין אן אנדער אופן, איז ער אים אומר און איז דאס מגלה אז יענער זאל אויך האבן אין דערויף א השגה און א הבנה, ביז אין אן אופן של שמחה, אין דעם ענין וואס איז פארבונדן מיט עבודתו שלו.

וואס פון וונעט נעמט דאס רש"י - נעמט דאס רש"י דערפון וואס אע"פ וואס די גמרא זאגט ניט מראה באצבעו ואומר, אבער די גמרא ברייננגט אויך די ווערטער ואמר ביום ההוא, אויב ער וואלט ניט געזאגט נאר מערניט מ'האט מראה באצבעו, דעמאלט האט ער געדארפט זאגן שנאמר זה ה'קוינו לו ביז נגילה ונשמחה בישועתו, וואלט מען געוואוסט פון דעם זה דעם ענין פון מראה באצבעו, פון נגילה ונשמחה בישועתו אז דאס איז אן ענין של מחול, וואס ברייננגט אראפ די גמרא אויך דעם התחלת הפסוק - ואמר ביום ההוא, און דערפון זאגט רש"י איז די הוכחה אז ואמר ביום ההוא איז אויף דערויף איז אויך דער שנאמר, אז ניט נאר ס'איז מראה באצבע ובגילה ונשמחה - נאר אויך ואמר, ער איז דאס מגלה צו אחרים,

וואס דאס קומט אויך בקשר ובהמשך וואס די גמרא זאגט אין ב"ב אז לע"ל איז צדיק נכוה מחופתו של חבירו, פארוואס איז דאס - דערפאר וואס דאס איז אן ענין, ער האט דאך א חופה שלו, ער זעט אבער אז דער צווייטער האט א חופה וואס ער ווייסט גארניט וואס דאס איז, מערניט וואס ער איז נכוה, אויף דערויף קומט צוגיין דערבאך דער ואומר, אז דורך דערויף וואס ער איז דאס מגלה לזולתו האט דאס אויך א שייכות צו דעם זולת.

און ויהי"ר אז בקרוב ממש זאל מען מסיים זיין די אלע ענינים וואס זיי זיינען פארבונדן מיט תענית, ווארום יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, סיי דער צום הרביעי און סיי דעד צום החמישי סיי דער צום השביעי סיי דער צום העשירי, ווי ער זאגט אין נבואת זכרי', ביז אין אן אופן פון יהפכו.

און פון דעם סיום המשנה שלבנה ביהמ"ק במהרה בימינו אמן, זאל דאס זיין למטה ובפועל ובגילוי למטה מעשרה טפחים, ושם נעשה לפניך די מצוות רצונך כמצווה עלינו בתורתיך, בתכלית השלימות.

און יעדערער וועט מגלה זיין לזולתו אט דאס וואס ער האט סיי אין אן אופן של פנימיות סיי אין און אופן של מקיף, וואס דאס איז דער ענין פון מחול, בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו.

* * *

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 404 הודפס ע"י אוצר החכמה